**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 7/24/2022 **גאווערנער קעטי האוקול**

**גאווערנער האוקול מוטיגט ניו יארקער זיך צו גרייט מאכן פאר שווערע דונערשטורעמעס דעם נאכמיטאג און היינט נאכט**

***מערב ניו יארק, פינגער לעיקס, די סאוטערן טיער און צענטראל ניו יארק וועלן ווייטער זען שווערע רעגנס, הויכעווינטן, א געוויסע מאס האגל און די מעגליכקייט פון איזאלירטע טארנאדאס***

***סטעיט אגענטורן האבן צוגעגרייט עמערדזשענסי הילף-געצייג לויט די אנווייזונג פון גאווערנער האוקול***

גאווערנער קעטי האוקול האט היינט געמוטיגט ניו יארקער לענגאויס אָפּסטעיט ניו יארק זיך צו גרייטן פאר שווערע דונערשטורעמעס און הויכע ווינטן אנגעהויבן שפעט זונטאג נאכמיטאג און אריין אין מאנטאג. אין צוגאב צו די אנגייענדע היץ ראט, האט דער נאציאנאלער וועטער סערוויס פאראויסגעזאגט פאר מערב ניו יארק, פינגער לעיקס, סאוטערן טיער און צענטראל ניו יארק ראיאנען א געהעכערטע ריזיקע פון ווערן באטראפן דורך די שטורעמעס. פאראויסזאגן אין די ראיאנען זאגט אן שווערע רעגנס, שעדליכע ווינטן, האגל און די מעגליכקייט פון איזאלירטע טארנאדאס. ארטיגע שווערע רעגנגאס קען אויך פראדוצירן מינדערמעסיגע פארפלייצונג אין נידעריג-ליגנדע ערטער, ווי אויך אין ערטער מיט שוואכע אפלויף.

אין אפרוף האט גאווערנער האוקול אנגעוויזן פאר סטעיט אגענטורן צו גרייט מאכן עמערדזשענסי אפרוף הילפס-מיטלען און מאנשאפט אויף צו פארזיכערן אז ארטיגע רעגירונג אגענטורן האבן נייטיגע שטיצע אין פאל פון א שווערע באטרעפונג. ניו יארקער ווערן דערמוטיגט צו נאענט באאבאכטן זייער ארטיגע פאראויסזאגונג, נאכקוקן אויף שכנים און זיך האלטן אפגעהיטן במשך דעם שטורעם.

״כאטש א היץ ראט בלייבט אין קראפט ביז שפעט היינט נאכמיטאג מיט היץ ציפערן ביז 97 גראד, שטארקע דונערשטורעמעס ווערן פאראויסגעזאגט זיך צו ציען איבער׳ן סטעיט שפעטער היינט און היינט נאכט און וועלן ברענגען העכסט-נויטיגע פארלייכטערונג צו ניו יארקער וועלכע האבן געקעמפט הויכע היצן אין די עטליכע פארלאפענע טעג,״ **האט גאווערנער האוקול געזאגט.** ״איך האב אנגעוויזן פאר סטעיט אגענטורן צו גרייט מאכן עמערדזשענסי אפרוף מיטלען אין פאל אונזערע קאונטי צוזאמארבעטער נייטיגן זיך אין הילף. אין דער צווישנצייט בעט איך ניו יארקער צו באאבאכטן די שטארקע שטורעמעס און זיך איצט גרייט מאכן אין פאל פון א עלעקטרישע אויסלעשונג.״

די שטורעמעס וועלן זיך ציען פון מערב אויף מזרח דורכאויס דעם נאכמיטאג און אוונט בעפאר א קאלטע פראנט ברענגט פארלייכטערונג פון די דערשטיקנדע היץ און פייכטקייט. אום מאנטאג, וועלן ניו יארק סיטי, לאנג איילענד און די הודסאן וואלי האבן א קליינע מעגליכקייט פאר שווערע וועטער. שאוערס וועלן

זיך נאכלאזן פון מערב אויף מזרח אום מאנטאג, און מילדערע און מער טרוקענע וועטער איז ערווארטעט ביז דינסטאג און מיטוואך.

פאר א פולע ליסטע פון וועטער באוואכונגען, ווארענונגען, ראטן, און די לעצטע פאראויס־באריכטן, באזוכט דעם נאציאנעלן וועטער סערוויס וועבזייטל.

**ניו יארק היימלאנד סעקיורטי און עמערדזשענסי סערוויסעס קאמיסיאנערין דזשעקי ברעי האט געזאגט,** ״די שטורעמעס ערווארטעט לענגאויס א גרויסן טייל פון אָפּסטעיט האבן די פאטענציעל צו טון ווירקליכע שאדן און ניו יארקער זאלן טון אלץ וואס זיי קענען אויף זיך צו גרייטן און האלטן אפגעהיטן. דער סטעיט עמערדזשענסי אפעראציעס צענטער טוט נאענט באאבאכטן די שטורעמעס און אונזערע מאנשאפטן זענען גרייט צו שטיצן אונזערע ארטיגע צוזאמארבעטער וויאזוי מיר קענען.״

## אגענטור פארברייטערונגען

### דיוויזיע פון היימלאנד סעקיורטי און עמערדזשענסי סערוויסעס

די ׳עמערדזשענסי אפעראציעס צענטער׳ פון ניו יארק סטעיט אפטיילונג פון היימלאנד סעקיורטי און עמערדזשענסי סערוויסעס האלט א נאענט אויג אויף וועטער און רייזע אומשטענדן, און וועט קאארדינירן אפרוף געברויכן מיט ארטיגע רעגירונג אינסטאנצן. דער סטעיט׳ס זאפאסן ווערן צוגעגרייט אויף ארויסצושטעלן אלע הילפס-מיטלען פאר ארטיגע רעגירונגס אינסטאנצן צו שטיצן סיי וועלכע שטורעם-פארבינדענע געברויכן, אריינגערעכנט פאמפס, טשעינסאָוס, זאמד-זעקלעך, דזשענערעיטארס, פעלדבעטלעך, קאלדרעס און באטלעך וואסער.

### דעפארטמענט פון טראנספארטאציע

דער דעפארטמענט פון טראנספארטאציע האלט א נאענט אויג אויף וועטער אומשטענדן און איז גרייט זיך אפצורופן מיט איבער 3,200 סופערווייזערס און אפערעיטערס. שטאב מיטגלידער קענען אויסגעשטעלט ווערן אין סיי וועלכע סארט אפרוף מאנשאפט לויט ווי עס נויטיגט זיך (פלייצונג אפרוף, טשיפּער, לאדנען און שלעפען, סוער דזשעט, קאָט ענד טאָס, טראפיק סיגנאל, א.א.וו.). אויסריכטונגען איבער׳ן סטעיט זענען ווי פאלגענד:

- 1,297 גרויסע דאָמפּ טראָקס
- 304 גרויסע לאָודערס
- 81 עקסקעוועיטער אויף טרעקס און רעדער
- 72 טשיפּערס
- 19 גרעידערס
- 15 וואַקיום טראָקס מיט סוער דזשעטס
- 14 בוים-מאנשאפט באָקעט טראָקס

### טרו-וועי אויטאריטעט

די טרו-וועי אויטאריטעט האט 640 אפערעיטערס און סופערווייזערס גרייט זיך אפצורופן צו סיי וואספארא ווינט אדער פלייצונג-פארבינדענע אינצידענטן לענגאויס דעם סטעיט מיט קליינע ביז מיטלמעסיגע עקסקעוועיטער, שארער און דאָמפּ-טראָקס, גרויסע לאָודערס, באוועגיגע ווי-עם-עס באָורדס, באוועגיגע ליכט טורעמעס, דזשענערעיטערס, פּאָמפּס און געצייג-שלעפער טרעילערס, ווי אויך שילדן און אנדערע טראפיק קאנטראל כלים און מכשירים צו זיין גרייט פאר סיי וואספארא אפווענדונגען

אדער ראוד פארשליסונגען. שילדן מיט אנזאג-ענדערן פעאיגקייטן און סאושעל מעדיע ווערן געניצט צו ווארענען מאטאריסטן וועגן וועטער אומשטענדן אויף דער טרו-וועי.

דורכאויס דעם היץ-כוואליע, האבן טרו-וועי שטאב מיטגלידער געהאלטן א נאענט אויג אויף שאסיי אומשטענדן און פירן אויס וואוילזיין אונטערזוכונגען אויף אפגעשטעלטע אויטאס.

אויסריכטונגען איבער׳ן סטעיט זענען ווי פאלגענד:

- 346 גרויסע און קליינע דאָמפּ טראָקס
- 65 גרויסע לאָודערס
- 7 וואַקיום טראָקס
- 16 עקסקעוועיטער אויף טרעקס און רעדער
- 8 בראָש טשיפּער
- 99 טשעינסאָוס
- 19 באָקעט טראָקס
- 84 באוועגיגע דזשענערעיטערס
- 67 באוועגיגע לעמפלעך

די טרו-וועי אויטאריטעט ראט פאר מאטאריסטן צו דאונלאד׳ען איר מאביל עפ וועלכע עס איז צו באקומען בחנם אויף איי-פאן און ענדראוד סמארטפאנס. דער עפ שטעלט צו פאר מאטאריסטן דירעקטע לעבעדיגע טראפיק קאמערעס, עכט-צייטיגע טראפיק אינפארמאציע און נאוויגאציע הילף בשעת מען איז אויפ׳ן וועג. מאטאריסטן קענען זיך אויך איינשרייבן פאר TRANSalert אימעילס, וועלכע שטעלן צו באריכטן איבער די לעצטע טראפיק אומשטענדן לענגאויס דער טרו-וועי, נאכפאלגן @ThruwayTraffic אויף טוויטער, און באזוכן thruway.ny.gov צו זען אן אינטעראקטיווע מאפע וואס ווייזט טראפיק אומשטענדן אויפ׳ן טרו-וועי און אנדערע ניו יארק סטעיט שאסייען.

**דעפארטמענט פון ענווייראנמענטאל אפהיטונג**

DEC ענווייראנמענטעל קאנסערוועישן פאליציי אפיצירן, וואלד רעינדזשער, עמערדזשענסי פארוואלטונג שטאב, און ראיאנישע מאנשאפט זענען אויף דער וואך און האלטן אן אויג אויף דער אנטוויקלענדע מצב און פאטראלירן אקטיוו די געגנטער און אינפראסטרוקטור וואס שטייט אויס געטראפן צו ווערן פון די שווערע וועטער. אלע אייגנשאפטן וואס זענען פאראן, אריינגערעכנט סוויפט וואסער ראטעוועו מאנשאפטן, זענען פלאצירט צו העלפן מיט סיי וועלכע עמערדזשענסי אפרוף.

**אפיס פון פארקס, פארוויילונג, און היסטארישע אפהיטונג**

ניו יארק סטעיט פארק פאליציי און פארק באאמטע זענען אויף דער וואך און האלטן א נאנטן אויג אויף די וועטער אומשטענדן און באטרעפונגען. פארק באזוכער זאלן נאכקוקן אויף parks.ny.gov אדער רופן זייער לאקאלע פארק אפיס פאר די לעצטע אפדעיטס וועגן פארק שעה׳ן, עפענונגען, און פארשליסונגען.

**ניו יארק פאווער אויטאריטעט / קאנאל קארפארעישן**

די ניו יארק סטעיט פאווער אויטאריטעט און דער ניו יארק סטעיט קאנאל קארפארעישן האלטן אן אויג אויף אומשטענדן און גרייטן צו אלע אפרוף מיטלען פאר די בעפארשטייענדע וועטער. NYPA און

קאנאלן פארשטייער זענען אין נאענטע פארבינדונג מיט סטעיט, קאונטי, און ארטיגע עמערדזשענסי איינגעשטעלטע לויט ווי עס איז נייטיג. NYPA איז גרייט צו שיקן NYPA טראנסמיסיע און אנדערע איינגעשטעלטע צו העלפן אויב נייטיג. דער קאנאל קארפארעישען וועט אַפדעיט׳ען דעם פובליק לויט ווי עס וועט זיך נויטיגן דורך איר נאטיץ צו מארינער ווארענונגען. דער פובליק קען זיך איינשרייבן אויף צו באקומען די מודעות אויף דעם קאנאל קארפארעישען וועבזייטל

**דעפארטמענט פון פובליק סערוויס**

ניו יארק׳ס יוטיליטי פירמעס האבן אומגעפער 6,400 ארבעטער גרייט, לויט ווי נייטיג, אויסצופירן שאדן אפשאצונגען, אפרוף, פארריכטונג און אויפריכטונג ארבעט לענגאויס ניו יארק סטעיט, פאר די פאטענציעלע שווערע וועטער. אגענטור שטאב מיטגלידער וועלן אכט געבן אויף די ארבעט פון יוטיליטי פירמעס דורכאויס די וועטער אומשטענדן און פארזיכערן אז יוטיליטי פירמעס שטעלן צו די נייטיגע מאנשאפטן צו די ראיאנען וועלכע ווערן דאס מערסטע באטראפן.

**ניו יארק סטעיט פאליציי**

סטעיט פאליציי זענען גרייט ארויסצושטעלן נאך טרופערס, ווי נויטיג, צו אפעקטירטע ערטער. אלע ספעציעליזירטע וויהיקלס פון סטעיט פאליציי, אריינגערעכנט פאָר-וויל-דרייוו וויהיקלס און יוטיליטי טעסק וויהיקל, ווערן גרייט געמאכט אויף באלדיגע אפרוף. אלע טרופ עמערדזשענסי ענערגיע קראפט און קאמוניקאציע אויסריכטונגען זענען גע׳טעסט געווארן.

**שווערע וועטער זיכערהייט עצות**

צוגעגרייטקייט

- זייט באוואוסטזיניג אויף דער קאונטי אין וועלכן איר וואוינט און די נעמען פון דערנעבנדע שטעט. שווערע וועטער ווארענונגען ווערן ארויסגעגעבן אין יעדע קאונטי.
- לערנט זיך די מערסט פארזיכערטע רוט פון אייער היים אדער געשעפט צו א הויכע, פארזיכערטע פלאץ, אויב עס טרעפט זיך אז איר דארפט זיי פארלאזן אין איילעניש.
- גרייטס צו און חזר׳ט זיך איין א ׳פאמיליע אנטלויפן׳ פלאן און באשטימט א צוזאמטרעף ארט אויב פאמיליע מיטלידער ווערן אפגעזונדערט איינער פונעם אנדערן.
- מאכט א דייטליכע ליסטע פון אלע ווערדפולע זאכן, אריינגערעכנט מעבל און צוגעהערן, קליידער און אנדערע פערזענליכע חפצים. האלט דער ליסטע אין א זיכערער ארט.
- קויפט איין עמערדזשענסי סופלייס פון גע׳קענ׳טע עסנווארג, מעדיצינען און ערשטע הילף סופלייס און טרינקוואסער.
- האלט טרונק-וואסער אין ריינע פארמאכטע שאכטלען.
- פלאנירט וואס איר וועט טאן מיט די שטוב חיות.
- האלטס ביי זיך א באוועגיגע ראדיא, פלעשלייטס, עקסטערע בעטעריס און עמערדזשענסי קאך געצייג צו די האנט.
- האלטס אייער אויטא אנגעפילט מיט גאז אדער פולקאם גע׳טשארדזש׳ט. אויב ווערט אויסגעלאשן די עלעקטרישע קראפט וועלן גאזאלין סטאנציעס מעגליך נישט קענען געבן קיין ברענשטאף פאר עטליכע טעג. האלט א קליינע דיזעסטער סופליי פעקל אין דעם טראָנק פון אייער קאר.

האלט דיזעסטער סופלייס ביי דער האנט, אריינגערעכנט:

- פלעשלייט און עקסטערע באטעריעס
- באטעריע-אפערירטע ראדיא און עקסטערע באטעריעס
- פירסט-עיד קיט און אנווייז ביכל
- עמערדזשענסי עסנווארג און וואסער

- נישט-עלעקטרישע קען אָופּענער
- נייטיגע מעדיצינען
- טשעקבוק, קעש, קרעדיט קארטלעך, ATM קארטלעך

פלוצימדיגע פלייצונגען

- פרובירט נישט קיינמאל צו דרייוו׳ען אויף א פארפלייצטע ראוד. דרייט זיך אום און פארט אן אנדערן וועג.
- אויב וואסער הייבט אן גיך זיך הייבן ארום אייך, פארלאזט דעם אויטא זאפארט.
- שאצט נישט אונטער די כוח פון גיך-באוועגיגע וואסערן. צוויי פיס שנעל-באוועגיגע פארפלייצונג וואסער וועלן אונטערהייבן אייער קאר, און וואסער וואס ציט זיך בלויז צוויי מייל א שעה קען אראפוואשן קאר פון א ראוד אדער בריק.

בליצן

- פאלגט נאך דער 30-30 כלל: אויב דער צייט צווישן ווען איר זעט א בליץ און הערט ווי עס דונערט איז אונטער 30 סעקונדעס, איז דער בליץ גענוג נאענט אייך צו דערכאפן. זוכט אויס א שוץ-ארט זאפארט. נאך דער לעצטער בליץ,ווארטס אפ 30 מינוט בעפאר איר פארלאזט אייער שוץ-ארט.
- בליצן שטויסן אן צום ערשט דאס וואס שטייט דאס מערסטע אין די הייעך. אויב איר זענט העכער די שפיץ הויעכקייט פוןביימער, גייט זאפארט ארונטער און לייגט זיך אראפ איינגעבויגענערהייט אויב איר זענט אין אן אפענעם שטח.
- אויב איר קענט נישט אנקומען צו א שוץ-ארט, שטייט אוועק פון ביימער. אויב עס איז נישט דא קיין ארט וואו זיך צו באשיצן, זעצט אייך אראפ טיף איינגעבויגן, און שטייטס ווייט פון א בוים טאפלט די מאס פון אייער הייעך.

פאר מער זיכערהייט עצות, באזוכט דער ניו יארק סטעיט אפטיילונג פון היימלאנד סעקיוריטי און עמערדזשענסי סערוויסעס זיכערהייט עצות וועבזייטל אויף [www.dhses.ny.gov/safety](http://www.dhses.ny.gov/safety).

###


נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418



זיך אויסשרייבן